# יאָסל קאָטלער׳ס „קריזיס־דיבוק״

(פון יאָסל׳ס פאַרבליבענע אַרבעטן)

אונזער פרי־אומגעקומענער, אומפאַרגעסלעכער יאָסל קאָטלער האָט די לעצטע פאָר יאָר פאַר זיין טויט אַ סך געאַרבעט אַף אַ גרעסערער זאַך, וואָס ער האָט גערופן דער „קריזיס־דיבוק״. מיט דער דאָזיקער זאַך האָט ער געוואָלט דערגרייכן מיטאַמאָל עטלעכע צילן:

ערשטנס, געבן אַן אויסוועג זיין נייגונג צו פּאַראָדירן, אָפּלאַכן פון אָנגענומענע, אָבער פאַרשימלטע „הייליקייטן״, אַראָפּרייסן זיי און באַווייזן זייער אמת׳ן ווערט. אין דעם געגעבענעם פאַל האָט ער אויסגעקליבן פאַר זיין פּאַראָדיע ש. אַנ—סקי׳ס באַרימטן „דיבוק״, וועלכער האָט זיך אַזוי לאַנג געהאַלטן אַף דער אידישער בינע און האָט ממש פאַררוקט אַף אַ צייט אונזער סצענע.

צווייטנס, האָט ער געוואָלט אויסנוצן די דיבוק־טעמע פאַר אַ פּאָליטישער סאַטירע. עס האָט זיך ממש פון זיך אַליין געבעטן פאַרצושטעלן דעם קריזיס אַלס אַ דיבוק, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דער פּראָספּעריטי, און ווייזן אַף די באַבסקע רפואות, מיט וועלכע מען פּרואווט דעם קריזיס פאַרטרייבן און פאַרערדן דעם עולם די ציין.

און דריטנס, האָט קאָטלער געזוכט צו שאַפן אַ פולע מאַריאָנעטן־שפּיל, וואָס זאָל קאָנען פאַרנעמען אַ גאַנצן אָוונט. צוליב דעם צוועק האָט ער ניט נאָר פאַרפאַסט דעם „דיבוק־קריזיס״ און האָט געהאַלטן אין איין איבעראַרבעטן און איבערשרייבן, נאָר ער האָט אויך באַשאַפן דעם גרעסטן טייל מאַריאָנעטן (אָדער „מאָדי־קאָטלעך״), וואָס דאַרפן זיך באַטייליקן אין שפּיל אַלס העלדן. די אַלע מאַריאָנעטן, וואָס יעדע איינע פון זיי איז פול מיט דעם לעבן, וואָס דער קינסטלער האָט אין זיי אַריינגעהויכט, זיינען אַ וואונדערלעכער מאָנומענט צו יאָסל׳ס קינסטלערישער ענערגיע. זיי האָבן געזאָלט נעמען שפּילן, ווען יאָסל וועט זיך צוריקקערן פון זיין לעצטער רייזע, וואָס ער האָט געמאַכט. אָבער דוה״ד אַ בייזן צופאַל איז ער אַף אָט דער רייזע אומגעקומען, און די פאַרטיקע מאַריאָנעטן זיינען געבליבן וואַרטן,— אפשר וועט זיך געפינען אַ צווייטער ווי יאָסל, וואָס וועט זיי אָנפילן מיט לעבן און באַוועגונג און אַרויס־ברענגען פאַרן עולם, פאַר וועלכן זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן.

מיר גיבן דאָ די ערשטע פאָר סצענעס פון דעם „קריזיס־דיבוק״ לויט איינער פון די לעצטע פולע קאָפּיעס פון דער זאַך, וואָס מיר האָבן געפונען אין יאָסל׳ס פּאַפּירן.

מ ש ה  כ ץ.

יאָסל קאָטלער

# דער דיבוק אין קריזיס־געשטאַלט

## נישט פון שין אַנסקי—דאָס מאָל—פון יאָסל קאָטלער

מאַריאָנעטן-שפּיל, געווידמעט
מיין ליבן חבר. משה נאַדיר.

(בטלן און שמש זיצן אין שול, בײַ אַ טיש, זאָגן תהילים. חנן שטייט אָפּן באַלעמער, דעם קאָפּ אַריינגעטאָן אין אַ ספר, איין האַנט אויפגעהויכן, און ער דרייט מיט אַ פינגער.)

ח נ ן: דער סוד פון דער וועלט שטעקט אין קבלה. דער עיקר איז — ראשי־תיבות: סי, סי, סי דאָבליו עי, בי, בע, בע, בע. זיבן מאָל זיבן איז ניין און פערציק. די ניין באַטייט: יונייטעד, און פערציק באַטייט: פראָנט. דאָס באַטייט: אַז דער אידישער דלות מיטן גוי׳אישן קריזיס באַדאַרפן מאַכן אַ יונייטעד פראָנט. איז ווידער די אייגענע מעשה: זיבן מאָל זיבן איז ניין און פערציק. (אַ דריי מיטן פינגער.) (הויך) אַ האַ!

ב ט ל ן: עפּעס אַ צעדרייטער.

ש מ ש: וואָס שייך צעדרייט. דאָס איז עפּעס אַזאַ דאָס, וואָס ס׳איז שווער צו פאַרשטיין. זינט ער געפינט זיך דאָ אין שול, גייט אַלץ מיטן פוטער אַראָפּ. ער האָט אויפגעהערט האָבן יאָרצייט. קיינער ברענגט נישט קיין טרונק בראָנפן. אַי, אַי, אַי. נישט גוט.

ב ט ל ן: נישט גוט. נישט גוט. זינט ער איז דאָ, האָבן די ספר־תורה׳ס גענומען איינשרומפן. (אַ סוד אָפן אויער): ס׳קען זיין, אַז ער איז אַ פאַר־וואָגלטע נשמה, וואָס דאַרף אָפּקומען אַף דער וועלט פאַר זיינע זינד, רחמנא ליצלן.

ש מ ש: *אַז ער עסט נישט!* ער איז שוין דאָ זינט 1929 און ער עסט נישט. ער עסט נישט! בענטשן בענטשט ער, נאָר עס עסט נישט.

ב ט ל ן: אפשר זאָלן מיר אים *משלח* זיין?

ש מ ש: איכ׳ל דיר זאָגן דעם אמת: איך האָב מורא פאַר אים. נישט אַזוי פאַר אים, נאָר זיינע אויגן שרעקן מיך.

ב ט ל ן: מיר מוזן אים משלח זיין. ער איז אַ דלות דאָ אין שול. גיי, טרייב אים אַרויס.

ש מ ש: איך האָב מורא.

ב ט ל ן: איכ׳ל גיין מיט דיר.

ש מ ש: נו, קום, אָבער פּאַוואָליע.

(זיי גייען צו פּאַוואָליע. חנן הויבט אויף דעם קאָפּ.)

ח נ ן (הויך): האַ!

(זיי אנטלויפן צוריק דערשראָקענע. זעצן זיך זאָגן תהילים.)

(אויפטריט: באָבע מיט לאה׳ן.)

באָבע: דאָס אָרט איז הייליק. טראַכט נישט, מיין קינד, קיין זינדיקע געדאַנקען. אין טאָג פון דער חופה, דאַרף אַ כלה זיין הייליק, אַזוי ווי אַ ספר־תורה, להבדיל. פו, פו. (שפּייט.)

לאה: באָבעניו, זע נאָר זיינע אויגן!

באָבע (טוט זיך אַ וואָרף): ששש... זינדיק נישט. טיו, טיו, ששש...

חנן (זינגט: שיר השירים אשר לשלמה.
ישקנו מנשיקות, פּי, פּי, פּי...

לאה: ער פאַרשטייט אַן עסק. דער בחור איז נישט קיין יאָלד.

באָבע: ששש... טיו, טיו, טיו, טי, טי, טי. ששש....

שמש (לויפט צו): וואָס טוען נשים אין אַזאַ הייליקן אָרט?

באָבע: רב שמש: מיין אייניקל האָט אויסגענייט אַ פּרוכת׳ל פאַרן אָרון־קודש. (זי ווייזט אים. ר באַטראַכט.)

שמש: או־ווא, או־ווא. שיין ווי גאָלד. (ער לייגט עס אַנידער.)

באָבע: אַז מיר זיינען שוין יאָ דאָ, אין אַזאַ מקום קדוש, זינדיקע נשים, גיט אונז, רב שמש, אַ קוש טאָן די הייליקע תורה.

שמש: אדרבא, אדרבא.

(ער נעמט אַרויס די תורה. די באָבע קושט, נאָכדעם כאַפּט לאה אַרום די תורה, קושט שטאַרק, רייסט זי אויס פון שמש׳ס הענט. דריקט די תורה און קושט.)

באָבע: גענוג, מיין קינד, מען טאָר נישט אַזוי. (זי קושט.)

שמש: לאָז אָפּ, אישה! (ער שלעפּט באַ איר פון די הענט, אָבער זי האַלט.)

בטלן: לאָז אָפּ; אַ תורה איז נישט קיין סוויט־האַרט. (ער רייסט זי אויס, אָבער זי כאַפּט זי צוריק פון זיינע הענט און קושט, ביז אַלע נעמען רייסן מיט כוח און מען רייסט די תורה אַרויס פון אירע הענט. באָבע שלעפּט לאה׳ן.)

באָבע: קום, קום, גיכער, אַהיים, אַהיים.

לאה (דרייט אויס דעם קאָפּ צו חנן׳ען): „קאַם אָפּ ענד סי מי סאַמטאַים". (אָפּ.)

חנן (הויך): ישקני בנשיקות, פּי, פּי...

(אויפטריט סענדער.)

סענדער (לויפט אַריין. גייט צו צום האַנטפאַס, וואַשט די הענט, ווישט זיך מיטן האַנטעך): אשר יצר את האדם בחכמה. אי חכמה, אי חכמה. איר הערט, אידן? היינטיקע צייטן דאַרף מען זיין אַ חכם. ס׳מזל רייסט זיך ממש פון די הענט. אָבער מען מוז אָנהאַלטן ס׳מזל ברכה, מיט אייזערנע צוואַנגען. די באַלמעלאָכעס ווערן סלוג, זיי ווילן אַליין ווערן גבירים. אָבער רב סענדער בלייבט רב סענדער, — ער גיט ניט. ער גיט ניט און גיט ניט. ווי אין פּסוק שטייט: „אַז מען גיט אַוועק יענעם, האָט מען דעם גיהנום", און „אַז מען האַלט אָן די גאָלד־באַזע, האָט מען עולם־הזה". נו אידן, גיט מיר אָפּ מזל־טוב!

בײדע: מזל־טוב, מזל־טוב, רב סענדער; מזל־טוב!

סענדער: וואָרום פרעגט איר מיך נישט, ווער מזל־טוב? וואָס מזל־טוב?

שמש: אייך, רב סענדער, דאַרף מען פרעגן? אַז איר זאָגט מזל־טוב, איז ווי אין פּסוק שטייט: 35 סענט: אַ קוואָדער מיט אַ דיים און מען מאַכט לחיים.

סענדער: זייט וויסן, אידן, אַז מיין איינציקע טאָכטער, לאה, האָט היינט חתונה פאַר דזשיפּע מאָרגאַנ׳ס אייניקל.

חנן: שלעכט.

סענדער: אַ געזונט איר אין פּופּיק אַריין. אַי, איז זי מיר טיו ־ ־ ־ ער! זי איז מיין גאַנץ מזל־ברכה. ווי זאָגט מען אין ענגליש מיין פּראָספּע־ריטי. גאָט זאָל נאָר היטן, אַז קיין דיבוק זאָל אין איר נישט אַריין, קיין קריזיס הייסט עס.

שמש: זאָל דער אייבערשטער היטן!

סענדער (ער קוקט אַף חנן׳ען): אָט דער שמענדריק געפעלט מיר נישט. מען טאָר לעבן אים נישט שטיין. ער זעט מיר אויס קענטלעך, אָבער איך וויל פון אים נישט וויסן. דאָס . . . אַי, שלעכט: אַ דיבוק. (לויפט אַרויס.)

(שמש און בטלן באַגלייטן אים.)

חנן: דער רב סענדער וועט זיך פון מיר נישט אַרויסדרייען. אָבער אין זיין לאה׳ן וועל איך זיך יאָ אַריינדרייען. איך ליב זי. איך גיי אויס נאָך איר. איר ווילט זען ווי איך שטאַרב פאַר איר? אָט נעם איך און טו אַ שטאַרב. גוד־באַי. צום ווידערזען. (ער פאַלט.)

(שמש און בטלן קומען צוריק.)

שמש: נעווען אַ וואויל ביסל בראַנפן.

בטלן: אמת׳ער יין שרף. אָבער רב סענדער האָט יסורים. ס׳שרעקט אים אָט דער אָ. (זיי קוקן און זעען אים נישט.)

שמש: נו, ער איז שוין אַוועק. סענדער זאָגט אַף אים, אַז ער איז אַ דיבוק, וואָס איז נעגליכן צון אַ קריזיס. אַ דלות אין מענטשן־געשטאַלט. און מען דאַרף זיך פאַר אים היטן סכנת נפשות.

בטלן: וואָסי די סכנה? פאַראַן רבנים וואָס טרייבן די דיבוקים אַזוי ווי הינט, מיטן שם־המפורש. און איב׳ל אייך דערציילן מעשיות פון רבנים, וועט איר שטוינען.

שמש: נו, לאָמיך הערן.

בטלן: פאַראַן אַ רבי מיט אַ ווייסן ספּאָדעק. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל. און דער רבי קען מאַכן פייער אַפן העכסטן באַרג. ער איז אינ־גאַנצן ווייס. און דערפאַר האָט ער פיינט שוואַרצע. אָבער פרומע אידן האָט ער ליב ווי חזיר.

שמש: חזיר? פוי!

בטלן: פוקעט מיר נישט. ער איז במחילה אַן ערל, אַ קלוקס קלען, אָבער אַ דיבוק קען ער אַרויסטרייבן. וואַצידיפרענץ?

שמש: פון די גויאישע גוטע אידן האָב איך אויך געהערט. איך האָב געהערט פון איינעם אַ . . . זיין נאָמען איז לויט די אידישע חדשים: ניסן, אייר,

סיון, תמוז. יאָ! — רבי תמוז, נאָרמאַן תמוז. ער, זאָגט מען, גיט זיך אויך אָפּ מיט די זאַכן. נאָר מען זאָגט, יאַקבי, אַז ער איז, לא עלינו, א מלאך, ימח־שמו!

ב ט ל ן: פאַראַן אַ קורצער רבי, אָבער אַ פעטער, און דאָס איז דער איטאַליענישער רב, — רבי לוי מיט אַ גימל. ער, זאָגט מען, איז אַן איטאַליענער: לאַגאַרדיע; און ער טרייבט אַ דיבוק מיט חייל, מיט פּאָליסלייט, מיט קלאָבס.

ש מ ש: טרייבן מיט חייל איז דאָך קיין קונץ ניט. איך האָב געהערט פון אַ אידישן גוטן אידן?

ב ט ל ן: אַ אידישער גאָר?

ש מ ש: ער, זאָגט מען, איז אַ רבי מיט אַ שפּיץ.

ב ט ל ן: וואָע?... אַ רבי מיט אַ . . .

ש מ ש: מיט אַ פייערדיקן שפּיץ. ער הייסט רבי אבע קאַהאַן. אָבער מען זאָגט אָף אים, אַז דאָס פייער איז קאַלט פייער, און ווער ס'רירט זיך אָן אין זיין פייער, באַקומט אַ קאַטער מיט אַ ניסעניש, אַז ס'איז סכנת נפשות.

ב ט ל ן: און איך האָב געהערט פון אַ רבי'ן מיט קנייטשן. אין יעדן קנייטש, זאָגט מען, ליגט אַ זויער פּיקל. ער איז געגליכן צו אַ בעל־שם־טוב. ער שרייבט ספרים. וועכנטלעכע ספרים און טעג־לעכע בלעטער, אין די מילי־מיליאָסן. און חוץ דעם וואָס ער איז אַ גרויסער צדיק פון צלם ימח־שמו, האָט ער ליב יענע מעשה, מחמת אין אַלע פון זיינע ספרים דרוקט ער אַריין נאַקעטע צנועות מיט יצר־הרע'דיקע פּופּויקים. אַ ליגנער הגדול הגבור והנורא, אַ הינטישער שונא של האבאַל־מעלאָכע, שלמאָסקווע ענד אַמעריקע. און אַ מלאך־גואל, אַ גרויסער פריינט פון די רייכסטע מאַגנאַטן אָף דער גאָרער וועלט. אַ גרויסער אוהב היטלער, אַ שונא ישראל און אַן אוהב מלחמה, אָף יענעמס קאָפּ. ס'הייסט אַ איש מלחמה' וואָס זיצט אין דער הײם.

ש מ ש: מה שמו? ווי הייסט ער?

ב ט ל ן: ימח שמו! זיין נאָמען איז אַ דרייגאָרנ־דיקער, וויליאַם בן ראַנדאָלף הוירסט.

ש מ ש: הוירסט?

ב ט ל ן (מיט אַ קוויטשיקל): הוירסט? נו! פּע!... אָבער דער גרעסטער רבי איז טאַקע רב רוזעוועלט. ער איז זיך נוהג געווען צו מאַכן עס מיט אַ בלוי פייגעלע.

ש מ ש: אַ בלוי פייגעלע?

ב ט ל ן: אַ קונציק פייגעלע. (ווייזט מיטן האַנט) אָט איז עס דאָ, און אָט איז עס העט־וואו. אָט איז'ס דאָרט, און אָט איז שוין ניטאָ. (שמש קוקט אים נאָך וואו ער ווייזט) און מיטאַמאָל איז עס אין אַלע גרעס־טע געשעפטן. דאָס איז אַ רואה ואינו נראה.

ש מ ש: אַזוי? אַ נירא. אַ רעגעלער נירא.

ב ט ל ן: נו, לחיים. לחיים!

ש מ ש: לחיים, לחיים. גאָט זאָל העלפן, אַז מע זאָל עפּעס איכווייס? ווי אין פּסוק שטייט. וואָס שטייט איר? לאָמיר זיך משמח זיין.

(ש מ ש און ב ט ל ן פאַנגען אָן זינגען. מוזיק, טאַנצן.)

(אויפטריט מ ש ו ל ח.)

מ ש ו ל ח (מיט אַ זאַק אָף די פּלייצעס און אַ לאַמטערן): וואָס טאַנצט איר? אַ מת, אַ מת ליגט אין שול.

(ש מ ש און ב ט ל ן לויפן צו, קוקן אָף ח נ נ ' ע ן.)

ש מ ש: ברוך שפּטרני!

ב ט ל ן: פּטור. פּטור, נו.

מ ש ו ל ח: איר זיינט נאָך פון אים נישט פּטור.

(ב ט ל ן און ש מ ש לייגן אים אָף אַ טראָג־בעטל, דעקן אים צו, טראָגן אים אַרויס.)

מ ש ו ל ח (טוט אַ בלאָז אַפן ליכטל פון לאַמטערן): דאָס ליכטל איז פאַרלאָשן געוואָרן.

(סוף ערשטע סצענע.)

---

צ ו ו י י ט ע ס צ ע נ ע

(אַ רייך, לאַנגער טיש, מיט לעקעך און בראָנפן. די ב אָ ב ע זיצט אָף אַ געבעטער שטול, ל א ה אָף דער ערד, מיטן קאָפּ אָף דער ב אָ ב ע'ס שויס. באָבע גלעט אירע האָר.)

ל א ה: באָ—בע—ניו. איך וויל נישט חתונה האָבן מיט דזשיפע מאָרגאַן. איך בין פאַרליבט אין חנג'ען. כאַ - - - נאָן!

ב אָ ב ע: מען טאָר נישט אַזוי. אַלע מחותנים זיינען שוין דאָ. (ווייזט אָפן טיש.) די טישן זיינען שוין געגרייט. אַפילו די קלעזמער זיינען שוין דאָ.

ל א ה: כאָ - - - נאָן. (טוט אַ קריי ווי אַ האָן.)

ב אָ ב ע: ווי איז מיר און ווינד איז מיר. מען טאָר נישט! אַ כלה טאָר נישט קרייען ווי אַ האָן, רחמנא ליצלן. מען טאָר נישט רופן אַ געשטאָרבע־נעם. ער קען נאָך קומען ווי אַ דיבוק, — די שעה זאָל נישט זיין. פּו, פּו, פּו. איכ'ל דיר אָפּשפּרעכן אַ גוט־אויג. (דרייט מיט די הענט איבער איר קאָפּ.)

זיצן דריי ווייבער איבער צאינה וראינה,
קומט אַ מלאך און גיט זיי אַ פּענע.
אַ פּענע אַהין, אַ פּענע אַהער,
ווערט אַלץ מער און מער און מער.
קומט די קאַץ און לעקט די מאַסלינקע.
שפּילן קלעזמער
אַ רייכינקע באַסינקע, פּו, פּו, פּו.

ל א ה: קוקעריקו!

ב אָ ב ע: ווי און ווינד איז מיר. קרייע נישט, וועל איך דיר דערציילן אַ מעשה'לע.

ל א ה: דערצייל, באָבעניו, דערצייל.

ב אָ ב ע: אָבער איך בין אַזוי שלעפעריק.

ל א ה: דערצייל, באָבעניו, דערצייל.

ב אָ בע: אַמאָל איז געווען אַ . . .
האָט זי געהאַט אַ . . .
איז זי אַראָפּגעפאַלן פון אַ . . .
האָט זי געמאַכט אַ גרויס גע . . .
זיינען זיך אָנגעלאָפן אַ סך ע . . .
און זי אַוועקגעטראָגן אַ . . .
און זי אַנידערגעלייגט אַפן בע . . .
און גערופן דעם דאָ . . .
און דער דאָקטאָר האָט זי באַ . . .

(גענעצט, שלאָפט איין. ל א ה נעמט זי אַרום, טראָגט זי.)

ל אַ ה: כאַ־־־ נאָן. (קושט זי. שלעפּט זי אַרויס.)
ב ד ח ן (לויפט אַריין): קלעזמער! אהער, אהער!
(ס'קומען אַריין דריי קלעזמער: אַ פידלער, אַ טרובאַטש און אַ באַראַבאַן, שפּילן חתונה־מוזיק, דרייען זיך אַרום טיש עטלעכע מאָל. ב ד ח ן שפּרינגט אַרויף אַפן טיש און פּאַטשט צו מיט די הענט. די קלעזמער גייען אַריין אין צווייטן צימער. מוזיק שטילער. בד ח ן פאַרזוכט פון די טישן.)
ב ד ח ן: איי, איי, איי. איי, איי, איי. איי, איי, איי!
די חתונה האָט זיך צעוואַרעמט
ווי אַ היציקע קרענק.
ס'וועט זיך טאָן אַ ביסל,
אַף טיש און אַף בענק.
(טענצל.)
און איך, דער בדחן,
פון ניו יאָרק און מאָיגן,
האָב זיי צוגעגרייט קדחת
מיט גראַמען — פאַרגעניגן.
(טענצל.)
פרעסן און זויפן
טועןזיי אַליין,
און קריגן באַ זיי אַ קאָפּיקע,
איז ווי באַ הינט פון די ציין.
(טענצל.)
איך מוז נוצן אַף די באַלעבאָסטעס
אַ ליבלעכע מינע,
אָבער אין האַרצן ווינטש איך זיי
אַ מיתה' משונה.
די מחותנים! די מחותנים!
אַ שלאַק זיי אין פּנים.

לכבוד דעם גרויסן גביר, וואָס האָט פון מיליאָנען
אַ גרויסן געשוויר;
דער רייכסטער פון אַלע, דער פאָטער פון דער כלה.
פאַרדעקט די וועלט מיט אַ זאַק מיט געלט,
מיט כבוד און מיט דאַנק, ברענגט דער כלה
דרשה־געשאַנק.
ס ע נ ד ע ר (מיט אַ קאַנאָן אַף דער פּלייצע): מן־הסתם
האָט איר געהערט, אַז מיין שמחה איז פאַרשטערט:
די ביזנעס גייען קידערווידער. די כלה פּראָספּעריטי
וויל ניט דעם שידוך.
וואָס קען דאָס זיין, און וואָס איז עס?
נישט אַנדערש, אַז אין דער כלה איז אַריין אַ קריזיס·
אַ דיבוק. אָט דאָס איז עס!
און דאָ וויל איך באַטאָנען,
אַז מיין דרשה־געשאַנק איז פון די בעסטע קאַנאָנען.
אַ שיסער — אַ בריליאַנט, אַ ניינצן פיר און
דרייסיקער,
אַן אמת'ען דיופּאָנט.
ב ד ח ן (באַטראַכט דעם קאַנאָן): מען שפּילט דעם חתן
אַ וויינענדיקס, און אים ליגט זיך זיינס אינזינען.
(צום עולם) מלחמה! אָ, האָט ער ליב אַז יענער
זאָל גע'הרג'עט ווערן!
איצט, לכבוד דעם גרויסן רבי'ן וואָס קען טאָן
אַ טרייבער,
אַ פריינט פון אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבער,
באַוואוסט אומעטום אַלס פריינט פון יוּיזלטום,
אַ חסיד אַ גרויסער, מיט פייער און מיט ברען,
אַ בריה מיט אַ תליה, קו קלוקס קלען:
גיט דער כלה דרשה־געשאַנק.
ק ל ו ק ס: איך זעץ זיך אינמיטן, גלייך לעבן מחותן,
איך טו דער כלה מזל־טוב ווינטשן,
און אַף דער תליה וועל איך אַלע נעגערס לינטשן.
(זעצט זיך לעבן ס ע נ ד ע ר'ן.)
ב ד ח ן (צום עולם): אַ תכשיט מיט געהירן, אַ מכה
אים אין די נירן.
און איצט, לכבוד דעם מחותן פון טענדעווערענדע,
דעם בינטל רעדאַקטער פון יענטע טעלעבענדע.
קומט אַריין, קומט אַריין, רב אַבע קאַהאַן.
מיט כבוד און דאַנק
ברענגט דער כלה דרשה־געשאַנק.
(ק אַ ה אַ ן קומט אַריין מיט אַ פּאַקל.)
ק אַ ה אַ ן: און איך, דער רבי קאַהאַן אַבע, בין
דער איסטבראָדווייער גבאי.
און פאַרשטיי אין סאָציאַליזמוס ווי אַ קאַץ אַ ראַבע.
איך האָב צען שטאָק מיט אַ גרויסער לאַבע.
דער וואַלדמאַן און איך האַלטן דעם פּאַקל;
דאָ האָט איר דעם סך־הכל פון הכל מכל בכל.
(זעצט זיך.)
ב ד ח ן (קלאַפּט): זאָגט נאָך עפּעס.
ק אַ ה אַ ן (הויבט זיך אויף): די שניידערוקעס
קאָרמע איך מיט שטרוי און מיט היי,
און סאָציאַליזמעוס מיש איך מיט דער ען־אַר־איי.
(זעצט זיך לעבן ק ו ק ל ו ק ס ק ל ע ן.)
ב ד ח ן (צום עולם): ס'איז אָך און וויי און וויסט,
אַז דאָס בינטל שמרוי איז אַ סאָציאַליסט.
איצטער, לכבוד — „איטס געטן האַט” —
דער גרויסער פּרעזידענט, דער דעמאָקראַט,
פון בלויען פייגל, טשיקן אין עוורי פּאַט,
ביטער ווי רעטעך, און זיס ווי כריין,
און דאָס איז ניט קיין אַנדערער, ווי רוזוועלט
אַליין! —
מיט כבוד און דאַנק גיט דער כלה דרשה־געשאַנק.
ר ו ז ו ו ע ל ט (קומט אַריין מיט אַ בלעכענעם פייגל):
מיי פּרענדס, אָט דעם פייגל שענק איך דעם
נגיד סענדער,
און ער וועט מאַכן ביזנעס מיט אַלע לענדער.
דער וועלט אַף צו־להכעיס, און אַ פייג די
באַלמעלאָכעס.
ב ד ח ן (שטעלט דעם פויגל אַפן טיש): פויגעלע,
פויגעלע, פּי־פּי־פּי.
פ ו י ג ל: וואו איז פּראָספּעריטי? ניטאָ הי.
איך בין דער פויגל
פון סאַמע שיר השירים;
איך טויג נישט פאַר די אָרעמע,
און האָב דערעסן די גבירים.
(טענצל.)
ב ד ח ן: בראַוואָ! (קלאַפּט בראַוואָ· טוט אַ שמעק
דעם פויגל אונטערן עק· דרייט מיט דער נאָז.) פּע!
אַזוי, אַזוי, ווי פון אַ טוכלע איי: שמעקט! פּע!
אַ מחיה. איצט, קלעזמער, לכבוד די מחותנים —
אַ פריילעכס! קלעזמער, וואָס שלאָפט איר?
(מוזיק. מחותנים טאַנצן. טאַנצן אָפּ, זעצן זיך עסן.)

משה נאַדיר

# שטורעמגלאָק

(געווידמעט דעם אָנדענק פון יאָסל קאָטלער)

אַלמעכטיקער שטורעמגלאָק! ווי רויכערט אונזער וועלט
אַף די אַקסלען פון די שדים ברוינע,
ווי איז אונזער וואונד אויפגעריסן מיט הענקער־נעגל,
ווי שלאָגט איבער אונז דער שוואַרצער האָגל פון טויט!

אַלמעכטיקער שטורעמגלאָק! ווי האָט דער קנויל פון גילדערנע שלענג
זיך פאַרבייגלט איבער אונזער האַלז
און ווי פאָכעט דאָס מוטיקע האַרץ פון געבויגענעם פראָמעטיי
אונטער די קערקערקייטן וואָס בינדן אָרעמס צו אָרעמס,
ליפּן — צו ציין, אויגן צו אָפּגעשיילטע ווענט
צום בלוטיקן דרעלים פון גליטשיקע איינצל־קאַרצערס...

אָה, טויזנט טויערן האָט דאָס מענטשלעכע וואָרט,
אַלע טויערן זיינען שלעסער פאַרהאַקטע. יעדער שלאָס
אַן אייזערנע טרער פון אַ טאָג וואָס מען האָט
מיט צווישן־פעלקערלעכער שנאה פאַר׳סמ׳ט.

אָה, מדבר פון גאָלד! בלענדיק־הייסער, גלי־ווייסער מדבר
פון האַס! דיין אַאַזים איז אַ שפּיגל פון בלוט
געריגגלט מיט ווייסטעניש ווי מיט קרענץ פון פאַרוויאַלונג,
די „זיגערפּאַלמעס“ שטייען דיר צו־קאָפּנס, ווי גרינע טויטן־ליכט,
זיי וויגן זיך אין רויכיקן ווינט פון מענטשנפּלייש פאַרקילטס...

אָה, אַדלערס אונזערע!
אַדלערס, וואָס אייער האַביטאַט איז דער לישאַי פון אַ פעלז,

(אויפטריט: אָ ר ע מ ע ל י י ט.)
(ה ו נ ג ע ר מ אַ ר ש ע ר ס מיט פלאַקאַטן. עס הערט זיך פּראָלעטאַרישע מוזיק. זיי קומען אַריין מיט לאָזונגען: „ווי וואָנט אַנעמפּלוימענט אינשורענס“. די באַס טיש שטעלן זיך אויף מיט אָפענע מיילער.)

ע ר ש ט ע ר מ אַ ר ש ע ר: זע נאָר ווי די חזירים
פרעסן און זויפן,
און אונז לאָזן זיי אויסגיין נאָך המוציא.

צ ו ו י י ט ע ר: זע נאָר ווי זיי פּראַווען די הולקע.
זאָלן זיי זיך דערוואַרגן מיט אַ בולקע.

ע ר ש ט ע ר: מיר ווילן עסן.

ס ע נ ד ע ר: עסן האָט זיך זיי פאַרגלוסט. נאַשערס,
— אַרויס פון דאַנען!

ק אַ ה אַ ן: קיין געלט האָבן זיי נישט, און גיב זיי
פרעסן.

אַבי זיי זיינען גרייט.

באָיעלעך: דאָ קאָסט 50 דאָלאַר אַ פלעיט!

צ ו ו י י ט ע ר: מיר גייען נישט אַרויס ביז מירן
קריגן „אָנעמפּלוימענט אינשורענס“.

ס ע נ ד ע ר: נו, גוט. וואַרט אַ מינוטקעלע, וועל איך
אייך אַריינשיקן אָנעמפּלוימענט אינשורענס. (צו
זייניקע) קומט צוגרייטן די אינשורענס.
(אַלע רייכע אָפּ.)

ע ר ש ט ע ר: נו, טאַקע אַן עושר,
אָבער ער האָט אַ ביסל יושר.

צ ו ו י י ט ע ר: אַז דו וועסט זיך פאַרלאָזן
אפן יושר פון אַן עושר,
וועסטו עסן מכות מיט לחלקלקות.

ע ר ש ט ע ר: אוי, ווי זיי האָבן זיך דערשראָקן!

צ ו ו י י ט ע ר: ווען זיי דערזעען אונז, פאַלט זיי דאָס
אויס באָקאָם.

ק ו ל: עס גייט. עס קומט. אָנעמפּלוימענט אינ־
שורענס!

(פּ אָ ל י ס יאָגן זיך אַריין. שיסן. שלאָגן. די
אַ ר ב ע ט ע ר שלאָגן צוריק.)

(שלוס צווייטע סצענע.)

# דער דיבעק אין קריזיס געשטאַלט

יאָסל קאָטלער

(נישט פון ש. אַנסקין, נאָר — דאָס מאָל — פון יאָסל קאָטלער)

מאַריאָנעטן שפּיל געווידמעט מיין ליבן כאַווער **משה נאַדיר**

(פון יאָסל קאָטלערס פאַרבליבענע שריפטן).

מיר גיבן דאָ עטלעכע סצענעס פון יאָסל קאָטלערס סאַטירישער פּאַראָדיע אָפן גוט באַקאַנטן „דיבעק" פון ש. אַנסקי, וואָס איז איין צייט געווען אַזוי פּאָפּולער אַף דער אידישער בינע. יאָסל קאָטלער האָט איבער דער פּאַראָדיע געאַרבעט די לעצטע פּאָר יאָר פאַר זיין טויט און האָט שוין אַפילע צוגעגרייט קימאַט אַלע מאַריאָנעטן, וואָס האָבן זיך געזאָלט באַטייליקן אין שפּיל. די סצענעס, וואָס מיר גיבן דאָ, שיינען צו זיין פון דער ענדגילטיקער קאָפּיע פון דעם מאַנוסקריפּט, כאָטש עס זיינען פאַרבליבן נאָך אַ ריי אַנדערע קאָפּיעס מיט צוגעגעבענע באַמערקונגען.

רעדאַקציע.

## דריטע סצענע*)

(אַ בעט און אַ קאָמאָדע. אַ גרויסע וואַזאָנע.)

**ל י י ע : כאַ - - - נאָן !**

**כ אָ נ אָ ן :** (מע זעט אים נישט) **ליי - - - ע !**

**ל י י ע : קום צו מ - - - ר !**

**כ אָ נ אָ ן : איך גיי צו דיר.**

**ל י י ע : האַ - - רי - - אָפּ !**

**כ אָ נ אָ ן : ס'ברענט נישט. האַלט זיך איין.**

**ל י י ע : איך קען זיך שוין ניט איינ - - - האַל - - - טן.**

**כ אָ נ אָ ן : האַלט זיך איין. האַלט זיך איין.** (ער קומט אַריין.)

**ל י י ע : איך געפעל דיר עפּעס ?**

**כ אָ נ אָ ן :**

**דו ביסט אַזוי ווי אַ גוטער טאָניק.**
**געשמאַקער פון קרעפּלעך און זיסער פון האָניק.**
**מיין ליבע ברענט ווי בראַנד.**
**שענק מיר דיין ליבע, און גיב מיר דיין האַנט.**
(ער נעמט איר האַנט, זינגט)
**גיב דיין האַנט,**
**און זאָג דו ליבסט מעך.**
**גיב דיין האַנט**
**און זאָג דו ליבסט מעך . . .**

**ל י י ע :**

**דאָס אַלץ וואָס דו ווילסט, איז — בלויז אַ האַנט ? שמעגעגע !**

**אַנדערע האָבן שוין געהאַט מער סייכל פון דיר.**

**כ אָ נ אָ ן :** (בייז)

**אַנדערע ? אויב דו וועסט מעך פאַרראַטן,**
**וועט אַ רועך אַריין אין דיין טאַטן.**

**ל י י ע :**

**וואָס פאַר אַ זיסע ווערטער. נאָר דו האָסט מיין ליבע פאַרדינט.**
**אַנדערע קעגן דיר זייגען הינט אָפן ווינט.**
(כאַפּט אים אַרום, קושט אים. ער רייסט זיך אַרויס.)

**כ אָ נ אָ ן : לאָז אָפּכאַפּן דעם אָטעם. וואָס בין איך ? אַ סייפּערטוירע ? פו.**

**ל י י ע :** (צעשפּרייט די אָרעמס) **קום אַריי - - - ן.**

**כ אָ נ אָ ן : איך בין אַזאַ, וואָס אַז איך גיי אַריין, קען איך נישט אַרויס—**

**ל י י ע : מירן זיך קיינמאָל נישט שיידן.**

**כ אָ נ אָ ן : נעווער. ווייל** (זינגט :)

**די ליבע, די ליבע, זי האָט מיך אַרומגעסטאַמפּעוועט,**
**אַזוי ווי אַ באָנדער דאָס פאָס־ס־ס־ס־ס.**

(ער טוליעט זיך אין איר. לייע פאַלט מיט אַ קרעכץ. מעשולעך באַווייזט זיך מיט אַ לאַמטערן.)

**מ ע ש ו ל ע ך : אין דער קאַלע איז אַריין אַ דיבעק. אָדער, אין דער פּראָספּעריטי איז אַריין אַ קריזיס. צאַפּטויו ! ענד דו יו נאָ וואַט אַי וויל טעל יו ? איך בין אַ איד אַ פּרעסער, און אפילע מיט אַ דעם אַ לעמפּל, קען מען שוין אויך קיין דזשאָב ניט געפינען.** (דיבעק ניגן) **נאָ - - - סער.**

**כ אָ נ אָ ן :** (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ און קוויטשעט אַרויס) **נאָסער !**

**מע ש ו ל ע ך :** (טוט אַ בלאָז אַפן לעכטל)

**דאָס לעכטל איז שוין ווידער פאַרלאָשן.** (אָפּ)

**ס ע נ ד ע ר :** (לויפט אַריין. זינגט)

**האָט עמיצער געזען פּראָספּעריטי,**
**פּראָספּעריטי, פּראָספּעריטי,**
**האָט עמיצער געזען פּראָספּעריטי —**
**מיין טאָכטער מיט אַלדעס גוטס.**

(ער זוכט. געפינט זי אַף דער ערד. ער רעדט צו איר דראַמאַטיש)

**פּראָספּעריטי ! פּראָס - - - פּעריטי : קום צוריק אין דיין אַלטער, גוטער היים. איך וועל דיר אַלץ פאַרגעבן, אַלץ פאַרגעבן.**

**כ אָ נ אָ ן :** (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ) **האַ ?**

**ס ע נ ד ע ר :** (דערשראָקן) **אוי ווייי ז'מיר ! דער קריזיס איז אַריין אין מיין טאָכטער. גיי אַרויס, זאָג איך, גיי אַרויס !**

**כ אָ נ אָ ן : גיי אַליין אַרויס. „גידאַרע־היר". סקידו !**

(סענדער גייט צו, נעמט אים שלעפּן. כאָנאָן דערלאַנגט אים אַ קנאַק. ס'דערלאַנגט אַ גרויסער טראַך ווי פון אַ ביקס.)

**ס ע נ ד ע ר : געוואַלד ! ער האָט מיר דערלאַנגט אין ריעל־עסטייט. אַרויס !**

(ער שלעפּט ווייטער. כאָנאָן דערלאַנגט אים נאָך אַ קנאַק. ס'טוט אַ טראַך.)

**געוואַלד ! ער האָט מיר צעקנאַקט וואָל־סטריט. וואַרט ! איכ'ל דיך אַרויסציען פון מיין פּראָספּעריטי אַזוי ווי אַ קאַץ.**

(אָפּ).

**מ ע ש ו ל ע ך :** (באַווייזט זיך) **ס'וועט אים העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.** (אַ בלאָז אַפן לעכטל.) **דאָס לעכטל איז שוין ווידער פאַר . . .**

(פאַרהאַנג האַקט איבער לאַשן)

(סאָף דריטע סצענע)



טאַנץ. אויילפאַרב פון יאָסל קאָטלער

*) די ערשטע 2 בילדער זיינען געדרוקט אין יוני נומער „האַמער".

## פערטע סצענע

(באַם רעבען אין הויז)

ר ע ב ע : (זיצט איבער אַ סייפער. לערנט) די וועלט באַשטייט פון זיבן כעלאָקעם. דער ערשטער ביילעק איז היילעק. דער צווייטער ביילעק איז היילעק. דער דריטער כיילעק איז היילעק. דער פערטער, פינפטער, זעקסטער ביילעק איז היילעק. און דער זיבעטער ביילעק איז היילעקער פון אַלע הייליקייטן פון דער גאַנ־רער וועלט. און דאָס איז שאַבעס קוידעש! שאַבעס איז פּעי—דעי. דער טאָג פון דין חע־בעשבן. איז עס דאָס ליכט פון דער זון, און דאָס וואַרעמקייט פון דער נעשאָמע. (ער רופט) גאָבע!

ג אַ ב ע : (לויפט אַריין) וואָס וויל דער היי־לעקער רעבע?

ג אַ ב ע : דאָס ליכט פון דער זון איז צו הויך צו פאַרשטיין פאַר אַ פּראָסטן באַסער־ווערדאָם. אָבער דאָס וואַרעמקייט פון דער נע־שאָמע איז ווי אין פּאָסעק שטייט : לעכאָים.

ר ע ב ע : גראָבער יונג! אַרויס! (גאַבע אָפּ). (רעבע נעמט לויפן איבערן צימער) ער איז געערעכט. (מע קלאַפּט אין טיר) (רעבע זעצט זיך איבערן סייפער) קאָם אין.

ס ע נ ד ע ר : געוואַלד, רעבע, ראַטעוועט! אַ דיבעק!

ר ע ב ע : איך ווייס.

ס ע נ ד ע ר : וואָל סטריט פאַלט.

ר ע ב ע : איך ווייס.

ס ע נ ד ע ר : אַ רעוואָלוציע קומט.

ר ע ב ע : איך ווייס.

ס ע נ ד ע ר : נו, רעבע, נעמט אייערע טולס און קומט אַרויסטרייבן דעם דיבעק.

ר ע ב ע : וואָס ווילט איר פון מיר, איך בין שוין אַן אַלטער מאַן : איך קען שוין נישט, איך קען שוין נישט.

ס ע נ ד ע ר : רעבע, איר מוזט. איר קענט. איר מוזט.

ר ע ב ע : איך האָב ניט קיין מאַכט און קיין קויעך.

ג אַ ב ע : רעבע, וואָס רעדט איר? הינ־טער איך שטייען גאַנצע דוירעס צאַדיקים, קדוישים, עליוינים. דער ליבאַוויטשער רעבע, דער בראַנזווילער שויכעט. דער שמאַריאַיע לעווין, יאָשע קאַלב, אַבע קאַהאַן, און דער גאַנ־צער אידישער קאָנגרעס . . .

ר ע ב ע : שלאָגט אים איבער) שאַ. לאָ־מיך נאָר צונויפנעמען מיינעגעדאַנקען. לאָמעך האָרכן, רעב סענדער, אַקעראַט : ווי אַזוי איז דער דיבעק אַריין און דורכוואַנען איז ער אַרינ־געקראָכן. און ווער איז ער, און וואָס איז ער און פון וואַנען שטאַמט ער, און דער אי - - - קע - - ר, ווער איז שולדיק.

ס ע נ ד ע ר : רעבע, ס'איז מ יי ן שולד, (קנאַקט זיך אין האַרצן) כאַטאָסי, כאַ־טאָסי! איך האָב געזינדיקט, נאָר ששש . . . זאָל קיינער נישט וויסן.

ר ע ב ע : זיי זיך מוידע. לאָמעך האָרכן. ווער איז דער דיבעק?



יאָסל קאַטלערס מאַריאָנעטן

ס ע נ ד ע ר : (ציטערנדיק) דער דיבעק איז מיין זון. ער איז מיר געבוירן געוואָרן נאָך דער מילכאָמע. איך האָב דערזען דעם דאַ־לעס אין זיין געשטאַלט. האָב איך אים אונ־טערגעוואָרפן אין אַ בעק יאַרד אין טשערי סטריט. האָט זיך דער דיבעק געדאַלעסט און זיך צעבליט אין אַ גרויסן קריזיס, ביז ער האָט דערגרייכט אָרטשאַרד סטריט, לאָנדאָן, ריווינג־טאָן סטריט און די סלאַמס פון דער גאַרער וועלט. איצט איז ער אַריין אין מיין באַסעכידע — אין מיין טייערער פּראָספּעריטי. רעבע, ראַ־טעוועט!

ר ע ב ע : אַהאַ, איך פאַרשטיי. ס'הייסט : דער קריזיס איז דיין זון. אל אכאר האמילכאָמע. אַהאַ! און ווער איז דיין טאָכטער לייע, וואָס ברענגט דיר מאַזלבראָכע?

ס ע נ ד ע ר : פּראָספּעריטי. איר האָב איך געפונען אַרום קאָרנער, אין סאַמע ברען פון דער מילכאָמע, האָב איך איר אַדאָפּטירט פאַר מיין טאָכטער, און זי האָט מיר געבראַכט פולע זעק מיט מאַזל בראָכע.

ר ע ב ע : ווייסטו ווער איר פאָטער איז?

ס ע נ ד ע ר : מוז מען דאָס וויסן, רעבע?

ר ע ב ע : ס'איז זייער נויטיק.

ס ע נ ד ע ר : איר פאָטער איז געווען אַ טייערער באַלמעלאָכע. און וואָס דער באַל־מעלאָכע האָט געמאַכט, האָב איך באַ אים צו־גענומען און ס'איז געוואָרן מיט גרויס מאַזל.

ר ע ב ע : איז איר פאָטער טויט?

ס ע נ ד ע ר : איך ווייס נישט.

ר ע ב ע : לויטן אידישן דין פון דיבוקים מוז מען אַרויסרופן אַ טויטן פונעם קייווער, און אויסגעפינען דעם אַדרעס וואו עס וואוינט דער פאָטער פון דיין מאַיאָנטיק,—דיין בסולע, מייך איך.

ס ע נ ד ע ר : אוי, רעבע, איך האָב מוירע.

ר ע ב ע : האָב קיין מוירע נישט, ס'וועט דיר גאָרנישט שאַטן.

ג אַ ב ע : (לויפט אַריין) וואָס וויל דער רעבע?

ר ע ב ע : נאַדיר מיין ספּאָדיק (ער טוט אים אָן אַ גרויסן שטריימל) און נעם מיין זיידנס שטעקן (ער גיט אים אַ שטעקן) און גיי אָפן בייסאָקוואָרעס. (שאָקלט זיך). נעם מיט אַ לאַמ־טערן, ווייל דאָרט איז זייער פינצטער. און ווען דו וועסט קומען אָפן בייסאוילעם, וועסטו דער־זען אַ קרומען דאָרן־בוים, זאָלסטו זאָגן אַצעף בען קויצעף, וועט אונטערן דאָרן־בוים שטיין אַן אַלטער קייווער, זאָלסטו געבן דריי קלעפּ מיטן שטעקן און באַלד אַנטלויפן. אַנישט, וועט זיין אַ גרויסע סאַקאָנע. ווייל מייסים ווילן נישט ליידן ווען מען שטערט זייער רו. גיי, גיי, גיי.

ג אַ ב ע (אָפּ, קערט זיך באַלד אום) רעבע, איך האָב פאַרגעסן דעם הייליקן פּאָסעק.

ר ע ב ע : גראָבער קאָפּ! אָ, איך האָב שוין אַליין אויך פאַרגעסן. (ער טוט אַ קוק אין סייפער) אַצעף בען קויצעף. (גאַבע אָפּ)

ר ע ב ע : און דו, סענדער, זיץ און וואַרט און טו אַ טשואווע.

ס ע נ ד ע ר : רעבע, איך בין אַ גראָבער יונג ; איך קען נישט.

ר ע ב ע : נו, נו, נישקאָשע, איכ'ל פאַר דיר טוירע זאָגן. (מישט אין סייפער)

די וועלט איז איינגעטיילט אין זיבן כעלאָקעם.<br>
דער ערשטער ביילעק איז הייליק.<br>
דער צווייטער ביילעק איז הייליק.<br>
דער דריטער ביילעק איז הייליק.<br>
דער פערטער, פינפטער, זעקסטער ביילעק איז<br>
היי - - - ליק.

פאָרהאַנג

(סאָף פערטע סצענע)

IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

Yosl Cutler, “Der Dibek in krizis geshtalt.” *Der Hamer*, (June, 1936): 11-15

Yosl Cutler, “Der Dibek in krizis geshtalt.” *Der Signal* vol 4 no.5, (June, 1936): 11-12